**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול מעלדט די פארענדיגונג פון 113-יוניט עפארדעבל און הילפבארע האוזינג דעוועלאפמענט אין יאנקערס**

***סאמיט אויף האדסאן נעמט די פלאץ פון א צעקלאפטע געביידע נעבן יאנקערס מעטרא-נארט רעיל סטאנציע***

***נעמט אריין 45 דירות מיט סופארטיוו סערוויסעס פאר מענטשן וואס גייען דורך היימלאזיגקייט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון סאמיט אויף האדסאן אין די סיטי אוו יאנקערס, א נייע, אינגאנצן-עלעקטראנישע דעוועלאפמענט מיט 113 אפארדעבל דירות, אריינגערעכנט 45 מיט סופארטיוו סערוויסעס אוועקגעלייגט פאר מענטשן וואס גייען דורך היימלאזיגקייט. די נייע זעקס-שטאקיגע געביידע געפונט זיך א האלבע מייל פון די יאנקערס סטאנציע אויף די מעטרא-נארט רעילראוד.

"די פארענדיגונג פון די סאמיט אויף האדסאן נעמט די פלאץ פון אן אלטמאדישע, נישט באנוצטע געביידע מיט 113 קריטיש-געדארפטע דירות אין די בליענדע סיטי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטאציע אינוועסטירט ווייטער אין די סארט דעוועלאפמענטס וואס ברענגען אפארדעבל, מאדערנע היימען צו אונזערע קאמיוניטיס, ספעציעל די וואס קענען געבן שטיצע אויפ'ן פלאץ פאר ניו יארקער וואס האבן זיך געפלאגט מיט היימלאזיגקייט."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האומס און די קאמיוניטי ריניועל געשאפן אדער פרעזערווירט 4,500 עפארדעבל דירות אין וועסטשעסטער קאונטי. סאמיט אויף האדסאן האלט ווייטער אן די באמיאונגען און איז א טייל פון גאווערנער האקול'ס $25 ביליאן פולשטענדיגע הויזונג פלאן וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 אפארדעבל היימען איבער ניו יארק אריינרעכנדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, אין צוגאב צו די עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 היימען.

אלע אפארטמענטס ביי די סאמיט אויף האדסאן זענען צוגענגליך פאר הויזגעזינדער מיט ביז 60 פראצענט פון עריע מידיען אינקאם. פינף און פערציג דירות זענען אוועקגעלייגט פאר אינדיווידואלן וואס גייען דורך היימלאזיגקייט וואס וועלן אויך האבן צוטריט צו שטיצנדע סערוויסעס באצאלט דורך דער עמפייער סטעיט אונטערהאלט האוזינג אינציאטיוו און אדמיניסטרירט דורך דער ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט.

סאמיט אויף האדסאן איז אן אלע-עלעקטראנישע דעוועלאפמענט דעזיגנירט זיך צוצושטעלן צו די ענערגיע סטאר מאלטיפאמיליע נייע בוי-ארבעט פראגראם סטאנדארטן. די דעוועלאפמענט האט באקומען א ניו יארק סטעיט ענעריגע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) אויסגעצייכנט געביידע באלוינונג אין 2021, וועלכע אנערקענט און באלוינט די אויסשטעל, בוי-ארבעט, און ארבעט פון שטאנדהאפטיגע קלימאט-פריינדליכע פילע-פאמיליע געביידעס וואס זענען געזונטער פאר איינוואוינער און זייערע קאמיוניטיס. עס וועט אויך האבן א סאלער אויסשטעל אויפ'ן פלאץ,

עלעקטראנישע וויהיקל טשארדשינג סטאנציעס. און א שטארקע אינסיולירטע ענוועלאופ. איינוואוינער האבן צוטריט צו אן אויסוואל פון צושטעלונגען, אריינגערעכנט א קאורטיארד, א קינדער'ס פארוויילונגס צימער, און א באלקאן אויפ'ן 6'טן שטאק וואו מען זעט די האדסאן ריווער און פאליסעידס.

סטעיט פינאנצירונג נעמט אריין 26.4$ מיליאן אין נידריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און 3.3$ מיליאן און סובסידיס פון די ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג. NYSERDA באלוינט די פראיעקט מיט 1 מיליאן דאלער דורך די אויסגעצייכנטע געביידעס פארמעסטונג (Buildings of Excellence Competition) און גיבט אויך 465,700$ דורך די נייע בוי-ארבעט - האוזינג פראגראם (New Construction - Housing Program), און 165,288$ דורך די NY זון פראגראם (NY Sun Program). די סיטי אוו יאנקערס גיבט 600,000$ פאר די HOME (היים) קאסע. די דעוואלאפער און סופארטיוו סערוויס פראוויידער איז Westhab.

**HCR קאמישענער רוטאננע וויסנאוסקעס האט געזאגט,** "די נייע דעוועלאפמענט בויט זיך אויף אונזער לעצטיגע ארבעט אין יאנקערס און ברענגט איבער 100 מאדערנע דירות, געפונענדיג זיך נאנט צו פאבליק טראנספארטאציע, צו די בליענדע סיטי. סאמיט אויף האדסאן איז א ביישפיל אויף גאווערנער האקול'ס דגש אויף שאפן אפארדעבל האוזינג געלעגנהייטן וואו מען דארף זיי די מערסטע און פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען וואס דארפן סופארטיוו סערוויסעס צו בליען. מיר באדאנקען אונזערע מיטארבעטער פאר זייער אומאויפהערליכע ארבעט צו מאכן דעם טאג מעגליך."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. האריס האט געזאגט,** "NYSERDA איז שטאלץ צו אינוועסטירן אין אפארדעבל, סופארטיוו האוזינג ביי סאמיט אויף די האדסאן אין יאנקערס וואס האבן קלימאט שטאנדהאפטיגע אויסשטעל און בוי-ארבעט, סאולער ענערגיע און ענערגיע שפארנד. איינוואוינער וועלן הנאה האבן פון מאדערנע, באקוועמע וואוין ערטער וואס געפונען זיך נאנט צו לאקאלע סערוויסעס פאר די באקוועמליכקייט פון אלע און האבן נידריגע אפערירונג און ענערגיע קאסטן.

**סעניטער מערהייט פירער טשארלס שוממער האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידריג-אינקאם האוזינג שטייער קרעדיט וואס איך האב געארבעט שווער אפצוהיטן און עס אויסברייטערן האבן געהאלפן צו די פארענדיגונג פון סאמיט-אויף-האדסאן אין יאנקערס, פארוואנדלענדיג א צוקראכטע געביידע אין אן אפארדעבל, בלויז-עלעקטראנישע האוזינג דעוועלאפמענט. הויכע האוזינג קאסטן זענען א הויפט טרייב קראפט פון אינפלאציע, און דערפאר מוזן מיר בויען מער האוזינג פאר מענטשן וואס ארבעטן כדי צו אראפברענגען די הויכע פרייזן. איך אפלאדיר גאווארנער האקול'ס ארבעט צו פארמערן צוטריט צו עפארדעבל דירות אין וועסטשעסטער און איבער ניו יארק, און איך וועל ארבעטן ווייטער איבערצוגעבן פעדעראלע ריסאורסעס צו פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו האוזינג."

**סטעיט סענעט מערהייט פירער אנדריע סטאווערט-קוזינס האט געזאגט,** "די היינטיגע טאג איז נאך א טריט פאראויס צו פארבעסערן די אפארדעבל האוזינג סופליי אין אונזער קאמיוניטי, ווי אויך אדרעסירן שטארק געדארפטע האוזינג פאר די וואס גייען דורך היימלאזיגקייט. סאמיט אויף האדסאן וועט אפפערן א סך הכל פון 113 יוניטס, מיט אפאר פון די יוניטס רעזערווירט פאר היימלאזע פאמיליעס, און היימלאזע יונגע ערוואקסענע. געביידע האוזינג מיט די בעסטע 'גרינע' טעכנאלאגיעס איז אויך אן אינוועסטמענט אין אונזערע קאמיוניטיס און האוזינג אנהאלטסקראפט, און שטיצט א צוקומפט פון אפארדעבל האוזינג וואס זענען פון הויכע קוואליטעט און קען אנהאלטן פאר לאנג."

**סטעיט סעניטער שערלי ב. מעיער האט געזאגט,** "איך בין זייער צופרידן מיט די פארענדיגונג פון 113 נייע אפארדעבל האוזינג יוניטס אין די סיטי אוו יאנקערס, אריינגערעכנט 45 יוניטס וואס זענען אוועקגעלייגט פאר אינדיווידואלן וואס גייען דורך היימלאזיגקייט. עס איז קריטיש וויכטיג צו האבן שטארקע צוזאמענארבעט כדי ווייטער צו אדרעסירן די אפארדעביליטי קריזיס אין די שטאט און צו געבן די שטיצע וואס אונזער געגנט דארף. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול און די ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג ( New York State Homes and Community Renewal) פאר זייער געטריישאפט אין ברענגען אפארדאבל, בלויז-עלעקטראנישע האוזינג צו וועסטשעסטער קאונטי, ווי אויך סופארטיוו סערוויסעס צו אונזער קאמיוניטי. איך באדאנק אויך Westhab פאר זייער פירערשאפט."

**אסעמבלימעמבער נעידער סעיע האט געזאגט,** "אזויווי די געברויך פאר אפארדעבל האוזינג איז נאך קיינמאל נישט געווען אזוי דרינגנד פאר אונזער קאמיוניטי, איז סאמיט אויף האדסאן פונקטליך וואס מיר דארפן אין יאנקערס. איך אפלאדיר אלע סטעיקהאלדערס פאר'ן דאס מאכן געשען און איך קוק ארויס אויף זען אונזערע קאמיוניטיס ווייטער האבן קלוגע דעוועלאפמענטס אזויווי סאמיט אויף האדסאן."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאדימער האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווארנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט און וויזיע פאר סאמיט אויף האדסאן אין יאנקערס. די דעוועלאפמענט וועט אפפערן 113 יוניטס פון אפארדעבל האוזינג, אינאיינעם מיט 45 יוניטס פון סופארטיוו האוזינג פאר די געוועזענע היימלאזע מיט קריטישע סופארט סערוויסעס געגעבן גלייך אויפ'ן פלאץ. די פאזיטיווע ווירקונג וואס Westhab שטחים אזויווי סאמיט אויף האדסאן האבן אויף אירע טענענטס, קען נישט ווערן אונטערגעשאצט. די איינוואוינער וואס רופן די יוניטס זייער היים וואוינען אין אויגפארכאפנדע, נייע דירות מיט גאר גוטע צושטעלונגען, אינאיינעם מיט א סופארט סיסטעם וואס לייגט זיי אין א פאזיציע פון הצלחה."

**יאנקערס מאיער מייק ספאנא האט געזאגט,** "די גרענד עפענונג פון די הערליכע נייע עלטערע מענטשן האוזינג דעוועלאפמענט איז נאר נאך א ביישפיל וויאזוי די סיטי און יאנקערס און שותפים אזויווי Westhab און ניו יארק סטעיט ארבעטן צוזאמען ווידער אויפצולעבן אונזערע געגנטער מיט נייע, קוואליטעט-געבויטע האוזינג. מיר קוקן ארויס אויף איינלאדענען אונזערע נייע איינוואוינער, פאמיליעס זיי געבן געלעגנהייטן צו בליען און איינזייען זייער צוקומפט דא."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן